**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/12/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער קעטי האקול מעלדט וויכטיגע אפדעיטס צו באפעלא'ס אפאלא מידיא צענטער**

***$962,000 סטעיט אינוועסטמענט וועט העלפן דעם צענטער שאפן נייע געצייג צו העלפן ביזנעס דעוועלאפמענט, ארבעט טרעינירונג, און יוגנט פראגראמירונג אין מערב באפעלא***

***בויעט אויף ניו יארק'ס $65 מיליאן דאלער דיסטריקט סטראגעגיע צו אויפלעבן מערב באפעלא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט געמאלדן א פלאן צו איבערמאכן די אפאלא מידיא צענטער צו ארויסהעלפן ארבעט טרעינירונג, יוגנט פראגראמירונג און מידיא פראדוקציע. נייע געצייג וועט ערלויבן די אפאלא צו ארויסברייטערן זייער מידיא עדיוקעישן צו סיטי איינוואוינער וואס פארמאגן א ביזנעס און צושטעלן א זיכערע, שעפערישע ארט פאר יונגע מענטשן צו דורכטוהן מוזיק און קונסט, בשעת'ן אויך לערנען אייגנשאפטן אין ווידיא פראדוצירונג און קאודינג זיי צו העלפן זיך באקענען מיט מידיא קאריערעס. א ביישפיל פון די פראדוקציע ארבעט וואס ווערט געמאכט קען ווערן געזען[דא](#).

"די אינוועסטמענט וועט העלפן שטיצן די אפאלא מידיא צענטער'ס מידיא עדיוקעישן פראגראמירונג בשעת עס טוט ווייטער אינספירירן יונגע מענטשן און מיטגלידער פון די באפעלא ביזנעס געמיינדע מיט אן אינטערעס פאר ווידיא עדיטינג, גראפיקס, און סטודיא פראדוקציע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די אפאלא האט באפעסטיגט די מזרח באפעלא שכינות פאר יארן - אלס א ביזנעס דעוועלאפמענט און ערציאונגס צענטער, אלס טריט נענטער צו העכערע לערנונגען, און אין שאטן פון די לעצטע יאר'ס טראגישע שיסעריי, א היים פאר קריטישע אינפארמאציע און געמיינדע קוועלער. די פראיקעט טוט ווידער באשטעטיגן די סטעיט'ס צוזאג צו הייבן די מענטשן פון מזרח באפעלא און וועט פארזיכערן אז די אפאלא טוט ווייטער שפילן א ראלע אין די געמיינדע פאר די קומענדיגע יארן."

בשעתו, טוט די אפאלא מידיא צענטער צושטעלן קלאסן אין טעלעוויזיע טעכנעלאגיע, עדיטינג, פאטאשאפ, און דיגיטאלע דיזיין, אבער אויף א געצוימטע באזיס. פארבעסערונגען צו אפאלא'ס געצייג וועט ערלויבן די צענטער צו אויסברייטערן די פראגראמירונג און ווייטער שטיצן ביזנעס דעוועלאפמענט, ארבעט טרעינירונג, יוגנט פראגראמירונג, און שעפערישע אויסדרוקן אין מזרח באפעלא. אין צוגאב, וועלן איינוואוינער קענען נוצן די פארבעסערטע שטודיעס צו מאכן באלערנדע אינהאלט פאר די סיטי'ס פאבליק צוטריט טשאנעל.

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO & קאמישינער האופ נייט זאגט,** "די געצייג וואס ווערט צוגעשטעלט פאר די אפאלא מידיא צענטער וועט העלפן סטודענטן און איינוואוינער זיך לערנען פראדוקציע אייגנשאפטן און מולטי-מידיא וויסנשאפט וואס איז וויכטיג צו טרעפן ארבעט און ביזנעס וואוקס אין די היינטיגע עקאנאמיע. סטודענטן וועלן באקומען די געלעגנהייט צו נוצן קאמעראס, עדיטינג טישלעך און פראדוקציע סטודיאס צו מאכן ווירקזאמע פראיעקטן וואס שיינען א ליכט אויף מזרח באפעלא

אין אלע איר מעגליכטקייטן. מיר קוקן ארויס צו זען די קונסט פון די סטודענט און די השפעה וואס עס וועט לאזן אויף די געמיינדע."

**סיטי מעיאר ביראן בראון זאגט,** "בשעת מיר טוהן ווייטער אלעס וואס מיר קענען צו באקומען און פארברייטערן ארבעט אין באפעלא, דאנק איך גאווערנער קעטי האקול פארן מאכן די גרויסע אינוועסטמענט אין די אפאלא מידיא צענטער וואס וועט צושטעלן גלייכבארעכטיגונג פאר די אין אונזער געמיינדע וואס ווילן זיין א טייל פון באפעלא'ס דיגיטאלע געמיינדע און מידיא ארבעטסקראפט. די פארבעסערונג פון די נעקסטע דור, מאדערנע מידיא צעמטער וועט העלפן פארזיכערן אז מיר טוהן פלעגן אונזער אייגענע טאלאנט אינדערהיים אין די אויסנאמע אנשטאלט אין די דזשעפערסאן עוועניו קארידער און מאכן די אינטערסאנטע קאריערעס אוועילעבל פאר איינוואוינער אין זייערע אייגענע געמיינדעס.

**סטעיט סענעטאר טים קענעדי זאגט,** "די אפאלא מידיא צענטער האט סערווירט א וויכטיגע געמיינדע קוואל פאר צענדליגע יארן און די אטאקע אויף מאי דעם פערצנטן]טוט נאר אונטערשטרייכן ווי קריטיש די סיטי ארט איז צו פארטיילן פראגראמירונג, אינפארמאציע, און עדיוקעשן. די אינוועסטמענט אין געצייג וועט העלפן שאפן א נייע דור פון דזשורנאליסטן, ביזנעס אייגנטומער, ארבעטער זוכער, און מער, און וועט העלפן ווייטערדיגע גלעגנהייטן אויף מזרח באפעלא'ס זייט."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטאל פיפלעס-סטאוקעס זאגט,** "די אינוועסטירונג פון $962,000 ווערד פון נייע געצייג פאר אפאלא מידיא צענטער איז אן אינוועסטירונג אין אונזער יוגנט, אונזער געמיינדע, און אונזער צוקונפטיגע עקאנאמיע. אפפערן א פלאץ פאר קליינע ביזנעסער צו רעקלאמירן, הייבן וויסנשפאט דורך פאבליק סערוויס מעלדונגען און ערלויבן יונגע ערוואקסענע צו אויסשלייפן און מיטיילן זייער שעפערישע טאלאנטן שטעלט צו א שאנס פאר אנגיינענד קאריערע וועג טרעינירונג אין מידיא, מארקעטינג, שפילן קונסט, די פילם אידוסטריע, און פיל מער. א דאנק מעיאר בראון און די סיטי פון באפעלא, האופ נייט און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, און גאווערנער האקול פאר'ן דאס ערמעגליכן"

**עריא קאונט עקזעקיוטיוו מארק פאלאנסארז אגט,** "די אפאלא מידיא צענטער איז א קאמיוניטי ארט און האט סערווירט אלס א ליכט אין טונקעלע צייטן צו צאמברענגען מענטשן. די אינסוועסטירונג אין די צענטער וועט העלפן מער סטודענטן און אידיווידואלן טרעפן וועגן אויסצודרוקן שעפערישקייט, געבן לעבן צו זייערע שטימער און חלומות און טרוימונגען, און באקומען געזוכטע אייגנשאפטן וואס וועט זיי העלפן בעסער ווערן און וואקסן אין ביזנעס און אין לעבן."

פאר מער אינפארמאציע איבער די קלאסן און פראגראממען ביי די אפאלא מידיא צענטער, גיי צו [www.ApolloMediaCenter.com](http://www.ApolloMediaCenter.com).

**קארדינעיל גרין, דער דירעקטאר פון די אפאלא מידיא צענטער זאגט,** "די גרענט טוט אנערקענען די ווירקונג וואס די אפאלא מידיא צענטער האט אויף אונזער געמיינדע, בשעת'ן אויך אונז העלפן אדרעסירן די שוועריגקייטן וואס מיר טוען צוזען אין די דיגיטאלע צייט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר די קריטישע אינוועסטירונג וואס וועט אונז ערלויבן צו קויפן די מאדערנע געצייג וואס פעלט אויס צו צושטעלן די קוואליטעט טרעיניורנג פאר סטודענטן און די אין די געמיידע וואס זענען אינטערעסירט אין מידיא קאריערעס."

דורך די מזרח זייט קארידאר עקאנאמישע אנטוויקלונג פאנד, טוט די ניו יארק סטעיט אפפערן די סיטי פון באפעלא באשטייערונגען געשאצט אויף $962,000 צו העלפן אפגרעידס צו די די אפאלא. די סטעיט האט אוועקגעשטעלט $65 מיליאן אין א דיסטריקט סטראגעגיע צו אויפלעבן די סיטי'ס מזרח זייט דורך אינוועסטירונגען אין סטאביליזירטע געגענטער און פארזיכערן געלעגנהייטן פאר היים אייגנטומערשאפט;

פארשטערקערן קאמערציאלע קארידארן דורך אויסהייבן געמישטע באנוץ, פיסגייער דיסטריקטס, פארבעסערן ראיאנישע באדייטפולע היסטארישע און נאטורליכע אוצרות; אויסברייטערן געלעגנהייטן פאר ארבעטסקראפט פארבינדונגען; און שטיצן און וואקסן נייע ביזנעס.

די אפאלא מידיא צענטער האט זיך ערשט געעפנט אין אפרלי 2, 1941. פאר מערערע יארן, האט די 900-זיץ טעאטער צוגעשטעלט אומצאליגע שעות פון אינטערהאלטונג און איז געווען אן ארט פון לעבהאפט אויף די דזשעפערסאן עוועניו קאמערציאלע שטרייף. אבער, די טעאטער האט אויפגעהערט ווייזן מאוויס ווען א פייער האט פאראורזאכט שווערע שאדן אין 1966. אין 2001, איז די אפאלא פארוואנדלט געווארן אין א שפאגל-נייע טעלעקאמיוניקאציע אנשטאלט. די 18,000 סקווער פיס אנשטאלט ענטהאלט צוויי טעלעוויזיע סטודיאס, פיר פריוואטע עדיטינג צימערן, א קאנפערענץ צימער, א קלאס צימער, און אנדערע נויטונגען. אסאך פון די עלטערע טעאטער איז געווארן אנגעהאלטן, מיט די אלטע טענט איבערגעטוישט צו אן עלעקטראנישע מעסעדזש טאוול. די לאבי איז דעקארירט געווארן מיט אן אייגנארטיגע "טייל קווילט" פראיעקט פארשטעלנדיג קונסטליכע טאלאנטן פון מערערע פון די לאקאלע איינוואוינער.

**איבער עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט**
עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט (Empire State Development, ESD) איז ניו יארק'ס הויפט עקאנאמישע אנטוויקלונג אגענטור ([www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov)). די מיסיע פון ESD איז צו שטופן פאר אן אויפגעלעבטע און וואקסנדע עקאנאמיע, ערמוטיגן דאס שאפן נייע דזשאבס און עקאנאמישע געלעגנהייטן, העכערן איינקונפטן פאר די סטעיט און אירע לאקאלע רעגירונגען, און עררייכן סטאבילע און פארשידנארטיגע לאקאלע עקאנאמיעס. דורכן נוצן הלוואות, גרענטס, טעקס קרעדיטס און אנדערע סארטן פינאנציעלע הילף, שטרעבט ESD צו פארמערן פריוואטע ביזנעס אינוועסטירונג און וואוקס צו טרייבן דאס שאפן פון נייע דזשאבס און שטיצן בליהענדע קאמיוניטיס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ESD איז אויך די הויפט אדמיניסטראטיווע אגענטור וואס טוהט איבערזעהן די ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס און די מארקעטינג פון די "I LOVE NEW YORK" (איך האב ליב ניו יארק) קאמפיין, די סטעיט'ס אייקאנישע טוריזם ברענד. פאר מער אינפארמאציע איבער ראיאנישע קאנסולס און עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, באזוכט [www.regionalcouncils.ny.gov](http://www.regionalcouncils.ny.gov) און[www.esd.ny.gov](http://www.esd.ny.gov).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן